הועתק והוכנס לאינטרנט
www.hebrewbooks.org
ע"י חיים תשס"ט

# א

# בריוועלע

פון די זיסע מאמע

# שבת מלכתא

צו איהרע זיהן און טעכטער פון אידישען פאלק.

2.) א דיינו וועגען די אידישע שבת-בעקערס.

3.) א עצה וועגען די בייבי-קערעדזשעס.

ספריות אגודת חסידי חב"ד
אהל יוסף יצחק
ליובאוויטש
U.S.A. - ארה"ב

ערשיינט דורך דעם מאנטרעאלער רב

## יודל ראזענבערג

געדרוקט אין מאנטרעאל, קאנאדא. שנת תרפ"ד לפ"ק.
— אין דער —
CITY PRINTING CO., 712 St. Lawrence Blvd.

פרייז 25 סענט

מיינע ליעבע, טייערע קינדערלאך, זיהן און טעכטער פון אי־דישען פאלק! איך שבת מלכתא, וואס איך בין די מוטער פון גאנצען אידישען פאלק, שפיר גאנץ גוט אייער הארץ וועהטאג. און איך הער אייער פארדראס מיט אייערע קשיות וואס איהר פרעגט „מה נשתנה הלילה הזה" פאר וואס איז פארענדערט גע־ווארען דיעזער לאנגער גלות. „מכל הלילות" פון אלע פריהערדיגע גליות'ן? פארוואס ציהט זיך און ציהט זיך דיעזער פינסטערער גלות אזוי לאנג, און נאך דערצו מיט אלערליי צרות אויפ'ן אידי־שען פאלק מעהר ווי אויף אנדערע פעלקער. נאך הער איך ווי איהר האט פאראיבעל אויף מיר, וואס איהר בעט מיך אלע נאכט ביים מערב דאווענען און נאך מעהר פרייטאג צו נאכט'ס „ופרוס עלינו את סכת שלומך", אז איך אייער ליבע מוטער זאל אייך באשיצען מיט מיינע שלום־פליגעל (סכת שלום — מיינט מען שבת קודש, אזוי זאגט דער זוהר הקודש „מאן סכת שלום, דא שבת מלכתא") אז איהר זאלט באשערעכט ווערען פון די פינף צרות: אויב, דבר, חרב, רעב ויגון. און צום סוף ווערט נאר ניט איינגעשטילט דער אומ־ערבאוועמדיגער שטורם אויפ'ן אידישען פאלק מיט די אלע פינף צרות צוזאמען.

אויף דעם אלעם קאן איך אייך מיינע ליבע קינדער, געבען דעם איינציגען ענטפער. איהר זאלט וויסען אז די שטראף ווערט אנגעשיקט אויפ'ן אידישען פאלק, ווייל זעהר פיעלע פון אייך שטופען אוועק מיינע שלום־פליגעל פון מיינע קינדער. דאס מיין איך די פרייע און לייכטזיניגע, וועלכע זענען מחלל שבת בפרהסיא. דאס הייסט אז צעהן אידען זעהן דעם חילול שבת און ער שעהמט זיך ניט. מיט אזא פארברעך צייגט דער מאן, אז ער איז א כופר בעיקר, האט פאר דעם הייליגען באשעפער קיין מורא, און אז ער לייקענט אין די גאנצע הייליגע תורה.

אז א איד איז מחלל שבת בפרהסיא, ווערט ער לויט דין תורה גערעכענט פאר א גוי, און דער וויין וואס אזא מאן ריהרט אן הייסט יין נסך. היינט ווי אזוי קען איך מיט מיינע שלום־פליגעל אייך באשיצען פון די פינף צרות, אויב אזוי פיעל אידי־שע קינדער שטופען אוועק מיינע שלום־פליגעל, און זיי ארט ניט וואס זיי ווערען פאר גוים גערעכענט. און דאס איז דאך באוואוסט אז אלע אידען זענען ערוב איינער פאר'ן צווייטען.

פיליכט ברענגט אייך ציוויליזאציע צו זיין אזוי גלייכגילטיג צו חילול שבת. דארפט איהר אבער וויסען אז אין אידישען פאלק האבען זיך אימער געפינען גרויסע חכמים, חוקרים, פילאזאפען, דאקטוירים, אסטראנאמער וועלכע זענען געוועזען עכט ארטהאדאק־סיש און האבען שטרענג אפגעהיט שבת. נעהמט אייך א ביישפיל פון רמב"ם. ס'איז יעדען באוואוסט אז ער איז געווען דער גרעס־

טער גאון, דער גרעסטער פילאָזאָף, דער לייב דאָקטאָר פון עגיפּ־טיאַנישען קעניג. דערצו איז ער נאָך אויך געוועזען .דער גרעס־טער אַסטראָנאָם און מאַטעמאַטיקער. פון דעסטוועגען איז ער געוועזען אַ הייליגער געטליכער מאַן. און אדרבא זעהט קינדער־לעך וואס דער רמב"ם שרייבט אין הלכות עירובין פרק ב׳ הלכה ט"ז. „ישראל שהוא מחלל שבת בפרהסיא, או שהוא עובד עבודה זרה, הרי הוא כנכרי לכל דבריו". דאָס הייסט, אויב אַ איד איז מחלל שבת פאַר 10 אידען אדער אויב אַ איד ווערט אַ געצען־דינער, ווערט ער גערעכענט פאַר אַ גוי אין אלע ענינים. נאָך שרייבט דער רמב"ם אין הלכות שבת פרק י"ב הלכות ג׳, „אין איבור ממון דוחה שבת אלא איבוד נפשות". דאָס הייסט, אַז צוליעב געלד שאָ־דען טאָהר מען ניט מחלל שבת זיין, נאָר סכנת נפשות איז יאָ דוחה שבת. אצינד קענט איהר פון רמב"ם גאַנץ גוט פארשטעהן, אַז די הייליגע אידישע תורה איז מיט ציוויליזאציע ניט אזוי ווי פייער מיט וואסער.

מיינע ליבע קינדער! איך זעה פיעל פון אייך וואס זיינען מחלל שבת בפרהסיא, און דאָך איז קענטיג אז כאטש זיי האבען קיין מורא ניט פאר'ן הייליגען באַשעפער. אבער פאר זייערע טויטע עלטערען האבען זיי יאָ מורא. איך זעה אז זיי זאגען קדיש, און ווען מען איז מזכיר נשמות געהן זיי אוועק פון דער ארבייט, פון די האנדלען, און; קומען אין שוהל צו מזכיר נשמות. ווייזט אויס אז זיי גלויבען עפּעס פאָרט אז עס עקזיסטירט ביים מענש אַ נשמה, וועלכע קומט נאכ"ן טויט אויף אַ וועלט פון נשמות און לעבט דארט אַן אנדער ארט לעבען. און געווים דיקטירט דאס זיי זייער שכל אינסטיקטיוו וואס שטרוימט ארויס פון זייער נשמה, אז די נשמות פון די געשטארבענע עלטערען בעטען רחמים אויף יענער וועלט פאר זייערע קינדער, און אז דארום דארפען די לעבעדיגע קינדער טהון זייער פליכט, אז ווען מען איז מזכיר נשמות זאלען זיי ווידער בעטען רחמים פאר זייערע געשטארבענע עלטערען. און איהר בעט די תפלה „אל מלא רחמים המציא מנוחה נכונה תחת כנפי השכינה את נשמת פב"ב. דאס הייסט, אז דער רחמנותדיגער באשעפער זאל געבען אַ גוטע מנוחה אונטער די פליגעל פון די הייליגע שכינה צו די נשמה פון אייערע עלטערען.

אבער איהר דארפט פערשטעהן די בעדייטונג פון ווארט „שכינה" דאס איז „ריהונג". אזוי ווי די בעדייטונג פון ווארט „שבת" איז „ריהונג.. אצינד איז זעלבסט פערשטענדליך אז כנפי השכינה מיינט מען די פליגעל פון שבת מלכתא. דאס בין איך די מוטער און די קוועלע פון אלע אידישע נשמות, וואס איך ווער גערו־פען אמאהל „שכינה" אמאהל „שבת" אמאהל „סוכת שלום". און נאכדעם וואס די אידישע נשמות האבען אבגעלעבט זייערע יאהרען

אויף דער ערד, דארפען זיי צוריק קומען צו מיר, ווייל איך בין זייער קוועלע. און אזוי גוט ווי די לעבעדיגע בעטען „ופרוס עלינו את סכת שלומך" איך זאל זיי בעשיצען מיט מיינע שלום־פליגעל, אזוי אויך גיב איך די נשמות אויף יענער וועלט, לויט זייער ווערטה א מנוחה מיט פערגעניגען אונטער מיינע פליגעל.

אצינד פרעג איך אייך, וואס פאר א פנים האט דאס אין הימעל, ווען א זוהן, וואס בעליידיגט מיט אזא גרויסע חוצפה דעם שבת און אויך די שכינה, מיט דעם וואס ער איז א מחלל שבת בפרהסיא, און ווערט גערעכענט פאר א גוי, קומט דער זוהן און בעט די שכינה זי זאל געבען א גוטע מנוחה און זאל בעשיצען אונטער איהרע פליגעל די נשמות פון זייערע עלטערען. דאס זעהט אוים פונקט ווי א מענש וואס האט באליידיגט די קעניגען, און נאכהער קומט ער צו דיזער קעניגען בעטען א טובה פון איהר. איהר קענט שוין גוט פערשטעהן אז די נשמות פון זייערע עלטערען אויף יענער וועלט ווערען נאך גאר פערשעהמט דורכ'ן הזכרת נשמות פון זייערע זוהן וואס זענען מחלל שבת בפרהסיא. עס ווערט אין הימעל א קטרוג מיט א גלעכ־טער. דער שטן שרייט: זעהט נאר א זוהן א גויאיז, בעט רחמים פאר די נשמות פון זיינע אידישע עלטערען". און אנשטאט א טובה בע־קומען זיי נאך א רעה דארט אויף יענער וועלט.

הערט ווייטער מיינע ליעבע קינדער! געווים האט איהר אמאהל געלערענט חומש. אין די סדרא קדושים געפינט זיך דיזער פסוק: „איש אמו ואביו תיראו ואת שבתותי תשמורו". דאס הייסט, יעדער מענש זאל מורא האבען פאר זיין מוטער און פאטער, אין מיינע שבתים זאלט איהר אבהיטען. אין דיזען פסוק איז דא צו פרעגען צוויי פראגעס. ערשטענס פארוואס זענען דא צוזאמען געקניפט געווארען אין איין פסוק די ביידע מצוות, מורא צו האבען פאר מו־טער און פאטער, און אבצוהיטען שבת. צווייטענס, פארוואס שטעהט דא, געדענקט פריהער די מוטער און נאכהער דעם פאטער.

אבער דורך דעם ענין פון מזכיר נשמות וואס איז דא פריהער גערעדט געווארען קענט איהר שוין פערשטעהן די מיינונג פון דיזען פסוק„ אז איהר דארפט מורא האבען פאר אייערע עלטערען, נים נאר ווען זיי לעבען, נאר אויך ווען זיי זענען שוין אויפ"ן עולם אמת, זיי זאלען דארט קיין חרפות ובושות נים ליידען דורך די שלעכטע מעשים פון זייערע קינדער. און צוליעב דעם זאגט ווייטער דער פסוק, ואת שבתותי תשמורו, איהר זאלט אבהיטען מיינע שבתים, כדי איהר זאלט נים גערעכענט ווערען פאר גוים, דורך וועלכען אייערע עלטערען וועלען דארט אויפ'ן עולם אמת חרפות ובושות ליידען.

און לויט דיזע אויסטייטשונג קען מען שוין אויך פערשטעהן, פאר וואס שטעהט דא דערמאנט פריהער די מוטער, נאכהער דער פאטער, ווייל די הויפט מיינונג פון דעם פסוק איז צו ווארנען ווע־

גען שמירת שבת, וואָס דער שבת איז צום אידישען פאָלק אזוי ווי א מוטער צו איהר קינד, און אזוי ווי א קינד באַקומט די ערשטע קראפט, וועלכעס איז די קערפּערליכע ענטוויקלונג, דורכ'ן זויגען דער מוטער'ס מילך, און נאכהער באקומט ער די צווייטע קראפט, וועלכעס איז די גייסטיגע ענטוויקלונג, מיט א צייט שפּעטער דורכ'ן פאָטער'ס לעהרע. אזוי אויך בין איך אייער מוטער שבת מלכתא צו מיינע קינדער, וואָס היטען אב שבת, ראשית, גרייט איך אָן פאר זיי שפע פרנסה אויף דער קומענדער וואָך. דאָס הייסט מוטער־קראפט. און צווייטענס, ווערט דורך שמירת שבת געמעהרט צו יעדען נפש אגייסטיגע ערשיינונג פון עדעלקייט און פון הייליגקייט. דאָס הייסט פאָטער־קראפט. לויט דעם איז גאַנץ ריכטיג וואָס דער פסוק דערמאָנט פריהער די מוטער פאר'ן פאָטער. ווייל אגב וואָרענט דער פסוק מען זאָל מורא האָבען ניט צו פארלירען דורך חילול שבת ערשטענס די מוטער־קראפט, און נאכהער די פאָטער־קראפט, וואס דאס אידישע פאָלק באַקומט דורך שמירת שבת.

מיינע ליבע קינדער! איהר דארפט דאָס אויך וויסען, אז די פארנארטע מענשען, די בעלי בתים פון פאבריקען און פון מאגאזינען, וועלכע נויטען זייערע אידישע ארבייטער און אנגעשטעלטע זאָלען ארבייטען אום שבת, ווערן זיי אויף יענער וועלט באשטראָפט ניט פאר זייערע אייגענע מעשים רעים אליין, נאָר אויך פאר אלע זיינע ארבייטער און אנגעשטעלטע וואס ער האט זיי גענויט זאלען מחלל שבת זיין. דאָס זעלבע איז אויך וועגען בהמות. די מענשען וואָס ארבייטען אום שבת מיט זייערע בהמות, ווערען זיי באַשטראָפט אויף יענער וועלט פאַר דער ארבייט פון זיינע בהמות, ווייל די תורה זאָגט, אז די בהמה וואָס באלאנגט צו א איד דארף אויך שבת רוהען.

נאָך דארפט איהר פארשטעהן, מיינע ליבע קינדער! אז אויסער דעם רעליגיעזען שטאַנדפּונקט, וואָס באווייזט אז דורך חילול שבת ווערט די אידישע נשמה אָבגעשטאָרבען, איז אבער אויך חילול שבת א גרויסער פארברעך און א נידערטרעכטיגקייט, סיי מצד דעם אידיש־נאציאָנאלען שטאַנדפּונקט און סיי מצד דעם עקאָנאָמישען שטאַנדפּונקט.

קוקט אייך נאָר צו ביי אנדערע נאציאָנען, ווי אזוי זיי היטען אָב זייער נאציאָנאלען רוה־טאָג, זונטאג די קריסטען און פרייטאג די מחמדאנער. אויך געפינען זיך צעהנדליג טויזענדער ניט־אידען, וועלכע רופען זיך „סובאָטניקעס”, זיי ווילען ניט אויסטוישען דעם רוה־טאָג פון שבת אויף זונטאג, ווייל דאס איז אגענסט די עשרת הדברות פון בייבעל. און איהר אידען וואס דער שבת איז די קרוין פון אידישען פאָלק, דער פונדאמענט פון דער אידישער נשמה, לאָזט איהר אייך אזוי פארפיהרען איהר זאָלט זעלבסט צוטרעטען אייער נאַציאָנאלע שטאלץ מיט אלע אייערע עדעלע געפיהלען, צו זיין א

מחלל שבת בפרהסיא אָהן שום בושה, צוליב דעם וואָס אייך דאכט זיך אז איהר וועט אנדערש ניט קענען קיין לעבען מאַכען.

און ווייטער מצד דעם עקאָנאָמישען שטאַנדפּונקט, דאַרפט איהר מאַכען א רעכנונג מיט א סוחרישען געדאנק. אז די פאַב־ריקען און ווערקשטאַטען וועלכע מוזען זיין זונטאג געשלאָסען, זאל מען דאָרט ארבייטען פינף טעג אין דער וואָך צו אכט שטונדען. דאָס קען פארבעסערען די לאגע אין אלע הינזיכטען. ווייל לויט היינטיגע מאַשינעריי ווערט דאָך אין 5 אכט־שטונדענדיגע טעג פיעל מעהר פּראָדוקטען אויסגעארבייט, ווי אמאָל אין 6 צוועלף־שטונדענ־דיגע טעג וואָס מען האט געארבייט מיט בלויז הענט. און דורך דעם איבערפלוס פון פּראָדוקטען אין פארשידענע וואהרעס מאכט זיך אלע מאָל א קריזיס, פיעל פאַבריקען געהען געבראָכען, און וואָס דער ארבייטער האט ערוואָרבען אין די גוטע צייטען, ווערט ביי איהם פארשוואונדען, ווייל ער מוז זיך ארומדרעהען לעדיג א לאנגע צייט. אָבער ווען מען זאָל נאָר ארבייטען צו 5 אכט־שטונדענדיגע טעג אין דער וואָך וואָלטען די אלע צרות פאַרשווינדען געוואָרען. עס וואָלט ניט געוועזען קיין קריזיס־פראגע און ניט קיין שבת־פראגע. און אויך מעהרסטענטהייל רעגיערונגען ערלויבען ארביי־טען און האנדלען אום זונטאג דאָרט וואו מען רוהט שבת. און ווידער ווענען אזעלכע אידישע פאבריקען און ווערקשטאַטען, וואו עס ארבייטען ניט קיין אידען, און אויב זיי וועלן אום שבת זיין געשלאָסען וועט דאדורך זיין א גרויסער שאָדען, דאן קענען דאָך געניטע רבנים לומדים אויסגעפינען עצות דורך א שטר מכירה צו א ניט־אידען, אָדער דורך א שותפות מיט א ניט־אידען, אז די אר־בייט זאל שבת ניט אָבגעשטעלט ווערען.

מיינע ליעבע קינדער! איך פארשטעהע גאנץ גוט אז איהר טראָגט אייך ארום מיט צוויי פראגעס קעגען מיר אייער ליבע מוטער שבת מלכתא. ערשטענס, אויב איך האָב אייך טאַקי אזוי שטאַרק ליעב, און אויב איך גרייט צו פאר די אידען שומרי שבת גענוג שפע, אז זיי זאָלען קענען זיך מפרנס זיין אָהן חילול שבת, הייגט פארוואָס געפינען זיך פילע אידען וואָס שפּייען שיעור אוים זייערע נשמות לאנגע צייטען, ווייל זיי באַקומען קיין ארבייט און קיין מסחר אָהן חילול שבת? די צווייטע פראגע איז, פארוואָס ווידער געפינען זיך פילע אידען וועלכע זענען מחלל שבת בפרהסיא, און זיי זענען גאָר רייך, לעבען אין לוקסוס, ווייסען ניט פון קיין צרות ווי לאנג זיי לעבען?

כדי צו פארענטפערען אייך די צוויי פראגעס מוז איך אייך עטוואָס פון באהאלטענע לעהרע ענטפּלעקען. אבוואָל פיעל פון אייך וואס דער הייליגער נשמה־פונק איז שוין ביי זיי פארלאָשען, און זיי זענען געוואָרען מאַטעריאַליסטען, דאָס הייסט אז זיי ווי־לען ניט גלויבען אין קיין זאך וועלכעס מען קאָן ניט באַגרייפען

דורך די פינף מענשליכע חושים, זאגאר היינטיגע צייטען וואס אלע פילאזאפען האבען אויסגעפונען, אז די באהאלטענע גיט־אנזע־העווודיגע קרעפטען זענען פיעל מעהר און פיעל שטארקער ווי אלע אנזעהעוודיגע שטאפען און עלעמענטען. אבער דאך די לייטע וואס פאר זיי לוינט זיך בעסער ניט צו גלויבען, זאגען פשוט אהן שום געשמילץ אז זיי גלויבען פארט ניט, גלייך זיי וואלטען פון זינען אראב. און דיעזע לייטע וועלען דאך געוויס גאר ניט וועלען הע־רען פון דעם וואס איך וועל אייך זאגען. אבער צו זיי וויל איך סיי ווי גאר ניט ריידען. א מוטער קאן ניט ריידען צו א קינד, וועלכעס זי האט אויפגעהאדעוועט, און נאכהער שפייט דאס קינד דער מוטער אין פנים אריין. נאר איך וויל דא ריידען צו מיינע קינדער, ביי וועלכע דער הייליגער נשמה־פונק איז נאך ניט פאר־לאשען. דאך זיינען זיי נעבעך אין צווייפעל, ווייל דער יצר הרע פארלעגט אויף זיי טאג־טעגליך זיינע נעטצען צו פאנגען זיי, צו זיי געה איך דא ריידען און גיבען זיי צו פארשטעהן, זאלען זיך ניט לאזען פארפיהרען צו ווערען א מחלל שבת.

איהר זאלט וויסען, קינדערלאך, אז די אלע מענשען וואס ליידען נויט צוליעב שמירת שבת, ווערען פון הימעל געפרובט מיט דיעזען נסיון, מען פרובירט זיי דערמיט, ווייל זיי האבען מיט א דור פריהער געלעבט אויף דיזער וועלט, און זיי האבען דאן גע־זינדיגט מיט חילול שבת צוליב פארדינסטען; און נאכדעם וואס זייערע נשמות זיינען באשטראפט געווארען, מוזען זיי נאכאמאל מגולגל ווערען און אראבקומען צוריק אויף דער זינדיגער וועלט, געפרובט צו ווערען מיט נויט און צרות צוליב שמירת שבת. היינט איז אזוי, אויב זיי האלטען אוים דעם נסיון, און זענען ניט מחלל שבת, דאן פארריכטען זיי מיט דעם זייערע פריהערדיגע זינד פון חילול שבת מיט א דור בעפאר. און ווען עס געהט פארביי די אוים־געזעצטע צייט פון זייער פלאגעניש, ווערען זיי דערנאך באגליקט מיט א גוטער פרנסה, לעבען אוים זייערע יאהרען בכבוד, און ווען זיי שטארבען קומען שוין זייערע נשמות אין הימעל צו א „מנוחה נכונה תחת כנפי השכינה" וועלכעס רופט זיך „גן עדן". און אויב דער מענש האלט ניט אוים דעם נסיון, נאר ער זינדיגט ווידער מיט חילול שבת, קאנט איהר שוין אליין פארשטעהן די צרות וואס אזא זינדיגע נשמה ליידעט נאכ'ן טויט.

אויף דער צווייטער פראגע קאן איך אייך ענטפערען א פסוק פון חומש. „ומשלם לשונאיו על פניו להאבידו". דאס הייסט, אז גאט באצאהלט שכר פאר מצוות צו זיינע שונאים ביי זייער לעבען, כדי אז מיט זייער טויט זאלען זיי אינגאנצען פארלוירען ווערען. פונקט אזוי ווי א ליכט ווערט אויסגעלאשען און עס בלייבט גאר ניט, אזוי ווערט זייער גייסט פארניכטעט, און קומען גאר ניט מעהר אין הימעל אריין. אזוי ווי דוד המלך זאגט אין תהלים: „על כן

לא יקימו רשעים במשפט", דאָס הייסט אז די רשעים ווערען אזוי פארניכטעט, אז עס בלייבט פון זיי גאָר ניט זאָלען זיך קענען שטע־לען אין הימעל צו א משפט. אלזאָ דארפט איהר שוין פארשטעהן, אז ס'איז גאָר קיין וואונדער ניט וואָס מען זעהט אז א פושעי ישראל, א מחלל שבת לעבט זיך גאַנץ גוט, ווייל ער האָט געווים עפּעס אמאָל א מצוה געטהון און האָט צדקה געגעבען. דאָס באַ־צאָהלט מען איהם דעם שכר אויף דיעזער וועלט.

מיינע ליבע קינדער! אזוי ווי איך האָב שוין אָנגעהויבען צו ריידען מיט אייך עטוואס פון הימעל־פּאסירונגען, ווייל איך שוין אויך עפּעס דערצעהלען אייך פון א שטראָף וואָס א מחלל שבת בפרהסיא לייַדעט נאָכ'ן טויט. די שטראָף איז צום אידישען פאָלק ענטפלעקט געוואָרען דורך דעם גרויסען נביא ישעיהו, און דורך דעם גרויסען באַריהמטען תנא רבי שמעון בן יוחאי, דער מחבר פון זוהר הקודש.

אין דער הפטרה פון שבת ראש חודש ווערט אזוי געזאָגט אין די לעצטע צוויי פסוקים: „והיה מדי חודש בחדשו ומדי שבת בשבתו יבוא כל בשר להשתחות לפני, אמר השם: ויצאו וראו בפגרי האנשים הפשעים בי כי תולעתם לא תמות ואשם לא תכבה והיו דראון לכל בשר".

דאָס הייסט, והיה, עס וועט זיין אז אין יעדען ראש חודש און אין יעדען שבת וועלען אלע באשעפענישען קומען צו בוקען זיך פאר מיר, אזוי זאָגט דער הייליגער באשעפער: ויצאו, און זיי וועלען ארויסגעהן זעהן די טויטע קערפּערס פון די מענשען וואָס האָבען קעגען מיר שטארק געזינדיגט, ווייל זייער געווערים וועט ניט געטויטעט ווערען, און זיי וועלען זיין צו שפּאָט און צו שאנדע פאר אלע באשעפענישען. נאָך א טייטש איז דאָ, אז זיי וועלען זיין צו א פאָרשטעלונג פאר אלע באשעפענישען.

ס'איז לייכט צו באמערקען אז אין די צוויי פסוקים איז דאָ עפּעס פארבאָרגענעס. דער הייליגער תנא רבי שמעון בן יוחאי זאָגט פשט אויף די צוויי פסוקים אין זוהר הקודש סדרא תרומה דף קנ"א. דאָרט איז אזוי געשריבען. אלע מענשען וואָס זענען מחלל שבת בפרהסיא, און האָבען פארשעהמט דעם געטליכען כבוד אויף דיעזער וועלט, זיי וועלען נאָכ'ן טויט אויף יענער וועלט קיין רוה האָבען. יעדען פרייטאג אזוי ווי עס ווערט שבת, ווערט אויס־גערופען דאָרט וואו די נשמות ווערען באשטראָפט אין גיהנם, אז צוליעב שבת קודש זאָל אָפּגעשטעלט ווערען די שטראָף פון די נשמות. דאן ווערט באלד פערלאשען דאס פייער פון גיהנם אין אלע חדרים וואו די נשמות פון רשעים געפינען זיך, און מען הערט אויף צו פייניגען זיי ביז מוצאי שבת. אָבער אין יענע חדרים פון גיהנם וואו עס געפינען זיך נשמות פון רשעים וואס האָבען בפרהסיא

מחלל שבת ויום טוב געווען, דאָרט ווערט נאָר אָבגעשטעלט דאָס פּייניגען זיי אום שבת, אבער דאס גיהנם פייער ווערט דאָרט קיינ־מאָל ניט פארלאָשען.

פרעגען אלע רשעים פון גיהנם (דאָס איז די גרינגע וועלכע קומען צו אַלע וואך) וואס איז די מעהר מיט יענע נשמות, פאַר וואס האבען זיי שבת און יום טוב אויך קיין מנוחה ניט ? ענט־פערט מען זיי, אז דאָס זענען אזעלכע רשעים וואָס האָבען עובר געווען אויף דער גאַנצער תורה, און זענען געווען „כופרים בעיקר" ווייל זיי האָבען בפרהסיא מחלל שבת געווען דארום האָ־בען זיי אין גיהנם שבת אויך קיין מנוחה ניט. דאַן ווערט געגעבען א באַפעהל צו אַלע אַנדערע רשעים, וועלכע ווערען באשטראפט אין גיהנם פאַר אַנדערע עבירות, ניט פאַר חלול שבת אז זיי זאָלען ארויס געהן פון זייערע הדרים צו בייוואָהנען א סצענע, און זאָלען זיך כאָטש שבת און יום טוב אַביסעל פרעהליך מאַכען מיט שפאַט און געלעכטער איבער יענע רשעים, וועלכע האבען שבת און יום טוב אויך קיין מנוחה ניט אין גיהנם, פאַר זייער גרויסע זינד פון חילול שבת בפרהסיא. עס פארשטעהט זיך אז די חברה רשעים קוקען נאָר אוים דאָרט עפּעס אַ געלעגענהייט זאָלען קאָנען בייוואָהנען כאָטש אַ שטיקעל טעאַטער־סצענע, אזוי ווי זיי זענען נעבעך גע־וואוינט געווען ביים לעבען אויף דער זינדיגער וועלט. און זיי פאַרזאמלען זיך טאקי באַלד דאָרט אויף דעם גיהנם־טעאַטער־פּלאַץ.

די שווארצע משחיתים פון גיהנם ברענגען דאָרט אהין, דורך די היילען וואָס געפינען זיך טיעף אין דער ערד, די טויטע צופויל־טע קערפּערם פון יענע רשעים וואָס זענען געווען מחללי שבת בפרהסיא. די קערפּערם זיינען באדעקט מיט לעבעדיגע גרויסע ווערם און שלאַנגען. און דאָרט אויף דעם גיהנם־טעאַטער־פּלאַץ ווערען די פּגרי רשעים אויסגעלעגט אין רייהען, און די אנדערע רשעים וואָס האָבען יאָ מנוחה שבת און יום טוב רינגלען ארום די געבראַכטע פּגרי רשעים, און מאַכען פון זיי שפּאַט און געלעכטער. טייהל באַזינגען זיי, טייהל באַקלאָגען זיי מיט פארשידענע גראַ־מען און ליצנות. (טייהל נעהמען די גרויסע ווערם און שטעקען זיי אַריין ביי די פּגרי רשעים צווישען די ציין, און פרעגען זיי צי דאָס איז עפּעס א גוטער שבת'דיגער סיגאַר) טייהל באַקלאָגען זיי פּראָסט פּשוט אָהן קונצען און שרייען אויף זיי דיעזען אויסגעשריי:

„וועה צו דיר, פּב"פ, וואָס דו האָסט אזוי שטאַרק פארשוועכט דעם געטליכען כבוד, וואָס דו ביזט געווען אַ כופר בעיקר, וואָס דו האָסט עובר געווען אויף דער גאַנצער תורה, דורך דעם וואָס דו האָסט בפרהסיא מחלל שבת געווען. וועה איז דיר, וועה! בע־סער וואָלט דאָך דיר געווען ווען דו וואָלסט גאָר ניט באַשאַפען געוואָרען צו לעבען אויף דער ערד, וואָלסט דו פארשפּאָרט צו קו־מען צו אזא שאַנדע און צו ליידען אזא שרעקליכע שטראָף מיט אַזעלכע מיאוסע בזיונות."

מען קען גאָר קיין באגריף האָבען, ווי גרויס איז די חרפה און בושה, דער צער און די צרה, פון די נפשות מיט די רוחות פון די געשענדעטע פגרי רשעים, ווייל זיי מוזען אויך שטעהן דער־ביי, מוזען צוקוקען און אויסהערען זייער גרויסע שאנדע.

און מיט דיזע גרוליכע גיהנם געשעהנישען טייטשט אוים דער הייליגער תנא רבי שמעון בן יוחאי די צוויי אויבענדערמאָהנ־טע פסוקים פון דער הפטרה, וואָס דער גרויסער ישעיהו הנביא האָט געזאָגט און געוואָרענט דאָס אידישע פאָלק וועגען חילול שבת ויום טוב.

מיינע ליבע און טייערע קינדער! געדענקט אז איך „שבת מלכתא בין אייער געטרייע מאמע. איך שיק צו אייך דאָס בריוועלע דורך מיינע געטרייע זיהן, דאָס זענען די עהרליכע פרומע רבנים, וועלכע וואָרנען אייך און מוסר'ן אייך אימער מיט גרוים הארצוועהטאָג וועגען חילול שבת. איך בעט אייך, הערט זיך גוט צו צו זייערע שטראָף־רייד. הערט ניט די זינדיגע גיפטיגע רע־דעם פון די רעפארם רע־בית, וואס האבען אין זיך די זעלבע זינ־דיגע נשמות פון די פארצייטיגע נביאי הבעל, וואָס האָבען גע־בראכט אויפ'ן אידישען פאָלק דעם חורבן בית ראשון, אָדער זיי האָבען אין זיך די זעלביגע זינדיגע נשמות פון די העלעניסטען אָנפיהרער, וואָס האָבען געבראכט אויפ'ן אידישען פאָלק דעם חורבן בית שני.

איך וויל שליסען מיין בריוועלע מיט עטליכע ווערטער פון די גאולה. איך פרעג אייך, קינדערלאך מיינע! וואָס וועט זיין אייער תכלית? ווי לאנג נאך וועט איהר אזוי פערשווארצט ווע־רען אין דעם לאנגען פינסטערען גלות מיט פאגראמען מיט אלערליי צרות? געדענקט וואָס די הייליגע תנאים האָבען געזאָגט „אלמלי שמרו ישראל שבת אחת מיד נגאלין". דאָס הייסט, ווען דאָס אידישע פאָלק זאָל אָבהיטען איין שבת וואָלטען זיי באלד אויס־געלייזט געוואָרען. אלזאָ געדענקט קינדערלאך מיינע, די בעסטע עצה פון אייער געטרייע מאמע „שבת מלכתא". שוין גענוג, זייט שוין ניט מעהר קיין מתחייב בנפשו, און שטארקט אייך אין דער גרויסער מצוה צו זיין אָבגעהיטען פון חילול שבת. און בזכות שמירת שבת וועל איך אייך מעהרען שפע פון כל טוב, און איהר וועט זוכה זיין בקרוב צו די גאולה שלמה, אמן.

פון מיר אייער ליבע געטרייע מאמע,

שבת מלכתא.

# אוי, געוואלד !

## ווי אזוי ווערט מען פטור פון די אידישע שבת-בעקערם !

איך געה דא ריידען עטליכע הייסע עהרליכע ווערטער צו די אידישע שבת-בעקערם און צו זייערע קאסטימערם, וואס קויפען די פרישע שבת-געבעקס און עסען געשמאק. פיליכט מיינען זיי צו בעשיינען לכבוד שלוש-סעודות און מלוה-מלכה מיט פרישע שבת-געבעקס. ?

עס האט אמאהל פאסירט, א מאן האט גענומען א גיורת פאר א ווייב. איז זי געוואר געווארען אז שבועות איז דער גרעסטער יום טוב, און אז אין דעם יום טוב איז א מצוה צו עסען גוטע קרעפלעך. און דענקענדיג אז נאר חזיר פלייש האט מען איהר פערזאגט אבער ניט די לעבעריל, האט זי געקויפט א חזיר-לעבערל און האט געקאכט שוין איינמאהל גוטע קרעפלעך. דער מאן שלינגענדיג די קרעפלעך, האט ער געמאכט דער פרוי א קאמפלימענט, לויבענדיג זעהר די קרעפלעך. האט איהם די פרוי געענטפערט: „וואס דען! אידישקעס ווייסען דען מיט וואס צו בעשיינען אזא גרויסען יום טוב ?— — —
דאס זעלבע איז אויך מיט די וואס בעשיינען דעם שלש-סעודות אדער די מלוה-מלכה מיט א פריש געבאקען ברויט פון שבת-געבעקס.

דעם אמת זאגענדיג, אז איך צווייפעל אפילו גאנץ שטארק אויב מיינע יעצטיגע רייד זענען ניט גלייך ווי איינער ווארפט קיי-ליכדיגע ארבעס אויף א גלייכע וואנט.

אבער דאך מוז איך טהון מיין פליכט, אלס רב, ניט צו זיצען אזוי גלייכגילטיג און שווייגען. און פילייכט וועל איך מיט מיינע רייד ווירקען ניט צו דערלאזען עס זאל צוקומען נאך פושעי ישראלים, פרישע שבת-בעקערם.

און אזוי ווי די שבת-בעקערם זענען א שטערונג צו די גאולה. זיי דערלאזען ניט דורך זייערע גרויסע זינד פון חילול שבת בפרהסיא אז אידען זאלען אויסגעלעזט ווערען פון היינטיגען גלות, אזו ווי פרעה האט ניט געוואלט דערלאזען אז אידען זאלען אויסגעלעזט ווערען פון גלות-מצרים, דאדורך וועל איך זיי פארשטעלען ווי גרויס זייער פערברעכען איז פון זייער חילול שבת בפרהסיא מיט א „דיינו" לויט דעם נוסח פון „דיינו" וואס שטעהט אין די הגדה. און אויך כדי דיזע ווערטער זאלען בעסער קלינגען אין די אויערען, און זאלען ווערען גוט בעוואוסט צום אידישען פובליקום. אולי יחוס, אולי ירחם.

## צא ולמד, כמה עבירות גדולות להאופים בשבת בעירנו !

געה און לערען וויפיעל זענען די גרויסע עבירות פון
די אידישע שבת־בעקערם אין אונזער שטאדט !

ווען זיי זאלען נאר צושפאלטען שטיקלעך קיהן אדער האָלץ און
זאלען דאס ניט ארײנלעגען אין אויוועו — — דיינו געגוג צרות

ווען זיי זאלען נאר ארײנלעגען דאס האָלץ אין אויוועו ארײן
און זאלען ניט אונטערצינדען — — — — — דיינו געגוג צרות

ווען זיי זאלען נאר אונטערצינדען, און זאלען ניט
ארויסשארען די קויהלען — — — — — — דיינו געגוג צרות

ווען זיי זאלען ארויסשארען די קויהלען, און זאלען
ניט פארלעשען — — — — — — — — — דיינו געגוג צרות

ווען זיי זאלען פארלעשען און זאלען ניט ארײנשיטען
דאס מעהל אין דער בייט — — — — — — — — דיינו געגוג צרות

ווען זיי זאלען ארײנשיטען דאס מעהל אין דער בייט, און זאלען
קיין ראָשטשינע ניט מאכען— — — — — — —דיינו געגוג צרות

ווען זיי זאלען מאכען א ראָשטשינע, און זאלען קיין
טייג ניט פערקנעטען — — — — — — — דיינו געגוג צרות

ווען זיי זאלען א טייג פארקנעטען, און קיין ברייטלעך,
זעמעלעך זאלען זיי ניט מאכען — — — — דיינו געגוג צרות

ווען זיי זאלען ברייטלעך, זעמעלעך מאכען, און זאלען זיי אין
אויוועו ניט ארײנזעצען אנצובאקען — — — דיינו געגוג צרות

ווען זיי זאלען די ברייטלעך, זעמעלעך ארײנזעצען אין
אויוועו אנצובאקען, און זאלען זיי ניט ארויסנעמען
און פערקויפען — — — — — — — — — דיינו געגוג צרות

על אחת כמה וכמה רעה כפולה ומכופלת להאופים בשבת בעבורנו זעהט נור אזוי פיעל עבירות, געטאָפעלט און פיעל מאָהל געטאפעלט וואס די אידישע שבת־בעקערם באגעהן ביים באקען אום שבת:

זיי צושפאלטען קיהן און האָלץ: זיי לעגען דאס אין אויוועו ארײן: זיי צינדען דאס אונטער: זיי שארען ארוים די קויהלען: זיי פארלעשען: זיי שיטען ארײן דאס מעהל אין דער בייט: זיי מאכען א ראָשטשינע: זיי פארקנעטען א טייג: זיי מאכען די ברייטלעך און זעמעלעך: זיי זעצען די ברייטלעך און זעמעלע־ אין אויוועו ארײן אנצובאקען: זיי נעמען ארוים פון אויוועו די גע־ באקענע ברייטלעך און זעמעלעך, און פערקויפען.

דאס איז אלץ „להוסיף על כל עונותינו“.

אצינד זעהט אידישע קינדער די 10 מלאכות וואס די אידישע שבת־בעקערם באגעהן ביים באקען אום שבת. יעדער מלאכה פון דיזע 10 מלאכות איז א בעזונדערע גרויסע עבירה. און דאס איז אלץ

„להוסיף על כל עונותינו". צו מעהרען אויף די זינד פון די קאסטי־מערס, וואס קויפען אזא שבת־געבעקס, וועלכעס מען טאהר דערפון אפילו קיין שום הנאה האבען, עס איז פיעל הארבער און גרעסער דער איסור פון אזא שבת־געבעקס, ווי דער איסור פון חמץ שעבר עליו הפסח.

מילא צו די שבת־בעקערס זעלבסט לוינט דאך געוויס ניט ריידען צו זיי. אוים אידן! און נאך אלעם. אבוואהל ווען זיי האבען יאהר צייט, אדער ראש השנה יום כפור קומען זיי אין א שוהל און קויפען דוקא א פעטע עליה. דער גבאי מיט דעם פרעזידענט דערקווי־קען זיך מיט אזעלכע פיינע געסט, און גיבען א וואונק צום שמש ער זאל זיי זעצען אויפ'ן „גוטען ארט". נאר אויף דעם האבען זיי שוין דעם בעוואוסטען תירוץ, אז דער קאזאק איז טרפה, אבער דער גראשען איז כשר. איי ס'איז דאך א חילול השם און א בזיון התורה? נו וואס ארט דאס זיי. דארום איז זעלבסט פערשטענדליך אז צו זאגען מוסר די שבת־בעקערס איז געוויס א נארישקייט. אבער די קאסטימערס זייערע פון שבת־געבעקס מוז מען יא מוסר'ן. טייל ווייסען אפשר גאר ניט ווי גרויס דער איסור איז פון שבת־געבעקס.

דארום מאך איך בעקאנט צו די יעניגע קאסטימערס, זאלען ווייסען אז זיי זענען שותפין צו די אלע 10 עבירות. פונקט אזוי ווי דער וואס נעמט צו א גנבה איז א שותף צום גנב אין די עבירה פון גנבה. ווען די בעקערס וואלטען ניט געהאט די קאסטימערס וואלטען זיי ניט געבאקען אום שבת. אונזערע תלמוריתטען האבען אין דעם הינזיכט געזאגט צוויי וועלטס־ווערטלעך. דאס זענען זיי: „פרצה קוראה לגנב" (סוכה כ"ו) דאס הייסט, די אפגעבראכענע טיהר רופט דעם גנב צום גנבנן. נאך אזא שטייגער ווערטעל: „לאו עכברא גנב, אלא הורא גנב" (גיטין מ"ה). דאס הייסט, ניט די ראטץ איז דער גנב, נאר די לעכער ווי זי בעהאלט איז דער גנב. ווען די ראטצען וואלטען ניט געהאט קיין לעכער ווי צו בעהאלטען וואלטען זיי ניט געגנבט. אזוי איז אויך דאס זעלבע מיט די שבת־בעקערס און זייערע קאסטימערס.

אן אמת אידיש הארץ דארף עקלען צו נעמען אזא געבעקס אין האנד אריין. דער וואס עסט אזא געבעקס עסט ניט קיין ברויט נאר אידיש בלוט. מען דארף איבער רעכענען אז צוליב דעם שטיקעל ברויט זענען פיעל אידישע נפשות 10 מאהל באשולדיגט געווארען צו א טויט שטראף דורך פערשטיינען איבער 10 מלאכות פון חילול שבת. איך טהו מיין פליכט און ווארען אייך, אויב איהר פאלגט מיך ניט זייט איהר א מתחייב בנפשו. וכל השומע לי ישכון בטח ושאנן מפחד רעה.

יודל ראזענבערג, חופ"ק מאנטריאל

ספריית אגודת חסידי חב"ד
אהל יוסף יצחק
ליובאוויטש
U.S.A. — ארה"ב

# וועגען די בייבי־קערעדזשעס

איך וויל דאָ ערקלעהרען אן אלט־נייע עצה, אז די יונגע מוטערס זאלען ניט האבען קיין פערדרוס, אמאהל, אמאהל, אויף זייערע יונגע עופעלעך, אז דורך זיי ווערען די מוטערס בעשטראפט.

איך מיין וועגען דעם וואס די יונגע מוטערס פיהרען ארום שבת די קערעדזשעס מיט אזעלכע קינדערלעך, וועלכע קענען נאך ניט קיין פיסעל שטעלען אויף די ערד. אין די שטעדט ווי מען טאהר ניט טראגען איז דאס פשוט אן עבירה פון חילול שבת בפרהסיא. פיעל אידישע טעכטער פערשטעהן ניט אז דאס איז אזא גרויסע זינד; און ווען זיי וואלטען יאָ דאס פערשטאנען וואלטען זיי געווים אזא פעברעכען ניט געטהון.

איך מיין דא ניט די פרויען וועלכע געהן אום שבת איינקויפען מציאות אויף די מארקעטס און טראגען אליין אהיים די פעקלעך. צו אזעלכע פרויען לוינט שוין אפילו ניט ארום צו ווארפען קיין רייד. די יעניגע פרויען ווערען אויף יענער וועלט צוזאמען געפיהרט מיט די אידישע שבת־בעקערס. נאר איך וויל דא רעדען צו די פרויען וואס קענען נאך בעטיטולט ווערען מיט'ן נאמען „אידישע טעכ־טער".

מיין הארץ טהוט מיר וועה צוקוקענדיג ווי זיי פיהרען ארום שבת אין סטריט די קערעדזשעס מיט די קליינע עופעלעך זייערע. צו האט דען דער הייליגער באשעפער געגעבען אייך קינדערלעך איהר זאלט מיט זיי מחלל שבת זיין. ?

אצינד פרעג איך אייך, ווען איך וועל אייך זאגען אן עצה וועל־כעס וועט דארפען קאסטען אומגעפער פון 20 ביז 30 סענט, וועט איהר מיך כאטש פאלגען ? איך דענק אז איהר דארפט געווים פאלגען. נו אויב אזוי הערט זשע מיך צו.

איהר זאלט וויסען אז אויב די הויך פון די קערעדזש, דאס הייסט פון די ערד ביז צום עכסטען אָרט פון דער צודעק האלט ניט ווייניגער פון 42 אינטשעס, אדער אויב דער אָנהאלט פון דער קערעדזש מיט וועלכען דער קערעדזש ווערט געפיהרט איז אזוי הויך, דאן מעג מען שבת ארומפיהרען אזא קערעדזש אין סטריט.

און אויב איהר האט אַ קערעדזש וואס איז ניט אזוי הויך. איז דאָ אזא עצה. מען זאל צופאסען אַ שטיקעל דראָהט (ווייער) אויף דער צודעק איבער דער גאנצער ברייט פון די קערעדזש, אזוי אַז די דראָהט זאל זיין אויסגעבויגען ווי אַ פיילענבויגען און זאל אוים־

קומען אין דערמיט העכער, אז פון דער ערד ביז דערמיט פון דער דראָהט זאל האלטען כאטש 42 אינטשעס הויך. און כדי די דראָהט זאל זיך ניט שאקלען און אומפאלען זאל מען פונקט אין דערמיט אונטער דער דראָהט ארונטערשטעלען א שמאָהל שטיקעלע ברעטעלע, וועלכעס זאל ווערען אריינגעפּאסט ענג, עס זאל דארט שטעהן פעסט אויף דער צודעק פון די קערעדזש. דאס ברעטעלע זאל מען אין דער הויך אביסעל אריינקארבען, אז די דראָהט זאל אריינקומען אין קארב אריין.

די צוויי עקען פון דער דראָהט וואס קומען אוים צו זיין איןביידע זייטען פון דער צודעק, קען מען דארט אין ביידע זייטען פון דער צודעק אריינשרויפען 2 קליינינקע סקאָבעלעקלעך. אין ביידע עקען פונ׳ם דראָהט זאלען ווערן אריינגעשטעקט אין די 2 סקאָבאָלעקלעך, נאכהער זאלען די צוויי עקען דארט פערדרעהט ווערען אזוי אז די צוויי עקען זאלען זיך גוט האלטען אין די סקאָבעלעקלעך. מען קען אויך מאכען אז ביידע עקען פון דער דראָהט זאלען ווערען אויסגעבויגען און אריינגשטעלט איז ביידע זייטען פון דער צודעק אהן סקאָבעלעקלעך. די דראָהט מוז ניט זיין דורכאוים א גראבע, נאר עס מעג זיין זאָגאר א דינע דראָהט. מיט איין וואָרט, דער היתר באשטעהט פון דעם, אז פון די ערד ביז צו דער מיטעלפונקט פון דער דראָהט זאל האלטען די הויך ניט ווייניגער פון 42 אינטשעס.

דאס גיב איך אן עצה על פי תורה מציל צו זיין אידישע טעכטער פון חילול שבת בפרהסיא, וועלכעס איז זעהר א גרויסע שרעקליכע זינד. ובזכות שמירת שבת וועט איהר זיין געזונד מיט אייערע קינדערלעך, און איהר וועט זיי מגדל זיין לתורה ולחופה ולמעשים טובים.

יודל ראזענבערג, חופ״ק מאנטריאל